# דער קאנטינענט

ערשטע זאַמלשריפט

פאַר

די אידישע אינטערעסן פון די אַמעריקעס

רעדאקציע:
מ. ראָזנבערג — מ. ראַוויטש

נומער איינס



ארויסגעגעבן פון פארלאג "דער וועג" מעקסיקע

1941

# אַ וואָרט פון דער רעדאַקציע

די אידייע ארויסצוגעבן א אידישע צייטשריפט מיטן נאָמען „דער קאָנטינענט", א צייטשריפט, וואָס דארף דינען די אידישע אינטערעסן פון דעם אמעריקאנישן וועלטטייל, איז ביי אונז אנשטאנען פון דעם טיפן גלויבן ארויס, אז פונקט ווי אמעריקע האָט איצט א מיסיע אין דער וועלט, אזוי האָבן די אמעריקאנישע אידן א שליחות אין וועלט־אידנטום.

צו דעם ראש השנה 1940 האָבן מיר פארעפנטלעכט א פראָספעקט פון דער געפּלאַנטער צייטשריפט. מיר האָבן אים פארשפּרייט אין בריוו. דער אָפּרוף איז געווען פארשידנארטיק. טייל האָבן אונז ריכטיק פארשטאנען. יעקב לעשצינסקי האָט אונז געשריבן: איר האָט אָנגעטאַפּט דעם דופק פון היסטאָרישן מאָמענט און האָפנטלעך וועט איר אויספילן די מיסיע, וואָס אזא זשורנאל לייגט ארויף. ש. ניגער האָט אונז געזאָגט אין אַ בריוו: מיר געפעלט זייער די אידייע און מיר דאכט זיך אויך, אז מעקסיקע איז דער ריכטיקער פּלאַץ פאר אזא ארבעט. מיר זיינען אָבער אויך אָפּט מיספארשטאנען געוואָרן. אזוי האָט דער חשובער שמואל ראָזנפעלד, אין אַן ארטיקל אין „טאָג", מיטן נאָמען „וואָס אידן קענען", אונז פאָרגעוואָרפן, אז מיר האָבן זיך אָנגעמאָסטן צו זיין דער פּאַן־אמעריקאנישער אידישער צענטער, כאָטש קיינער האָט אונז נישט גערופן דערצו. אין דער אמתן האָבן מיר פון קיין שום צענטער קיינמאָל נישט גערעדט אין אונזער פּראָספּעקט, נאָר פון א נאטירלעכער בריק, וואָס מעקסיקע שטעלט מיט זיך פאָר אין קאָנטינענטאלן פארנעם, ווייל געאָגראפיש ליגט עס אין צפון און קולטורעל באלאנגט עס צום לאטיינישן, דאָס הייסט בעיקר צום דרומדיקן טייל פון דעם קאָנטינענט.

מיר האָבן זיך אין פארלויף פון חדשים ערלעך געמיט ארויסצוברענגען טאקע א חודש־שריפט. מיר האָבן מיט מאקסימאלער געדולד קאָרעספּאָנדירט מיט אלערליי אידן פון אלע 21 רעפּובליקן פון פּאַן־אמעריקע, מיט קאנאדע און אויך די קאָלאָניעס. עס איז אונז אָבער נישט געלונגען צו קריגן קאָנטאקט מיט אלע לענדער פון אמעריקע. מיט דריי־פערטל האָבן מיר דאָך באקומען קאָנטאקט — מען האָט אונז געענטפערט. מיר האָבן קאָרעספּאָנדירט מיט פיל צענטליקער שרייבער און געבעטן ביי זיי ארטיקלען לויט אונזער פּלאַן. מיר מוזן אָבער צוגעבן, אז עס איז אונז בשום אופן נישט געלונגען צוזאמענצושטעלן א דורכאויס פּלאנמעסיקע צייטשריפט, וואָס זאָל דינען די אינטערעסן פון אמעריקאנישן אידנטום אין ברייטסטן זינען פון דעם וואָרט; און אין דער ערשטער רייע אינפאָרמירן, אינפאָרמירן, אינפאָרמירן, ווייל דאָס קעגנזייטיקע אידישע אומוויסן אויף דעם קאָנטינענט איז זייער גרויס.

מיר האָבן זיך איבערצייגט — נאָך פינף חדשים אומדערמידלעכער ארבעט, אז אָדער עס איז נאָך נישט געקומען די צייט פאר אזא מין אידישן זשורנאל, ווי מיר האָבן אים זיך פאָרגעשטעלט, אָדער מיר זיינען נישט די ריכטיקע מענטשן אזא צייטשריפט צו שאפן, אָדער מעקסיקע איז פאָרט נישט דער ריכטיקער פּלאַץ. האָבן מיר דערווייל באַשלאָסן אַרויסצולאָזן סעפּאָראַדישע זאַמלביכער מיט דעם נאָמען „דער קאָנטינענט", זאַמלביכער וואָס זאָלן דינען דעמזעלבן צוועק, וואָס די צייטשריפט האָט געזאָלט און טאַקע צוגרייטן א באָדן פאר אזא זשורנאל אין דער צוקונפט.

אָט דאָס בוך, וואָס ליגט פאר אייך — חשובע לעזער — איז טאקע אזא מין זאמלבוך נומער איינס. עס וועלן שפּעטער קומען ווייטערדיקע ביכער מיט דעמזעלבן נאָמען און — לאָמיר האָפן — מיט מער אינפאָרמאציע און מיט א ברייטערן קרייז מיטארבעטער.

דער אינהאלט פון דער דאָזיקער זאמלונג איז איינגעטיילט אין דריי הויפּט־חלוקים: אלגעמיינע ארטיקלען (דער עיקר אויף

אמעריקאַניש - אידישע טעמעס), ארטיק-
לען, וואָס ברענגען פּראָבלעמען צו דיסקו-
סיע, און קאָרעספּאָנדענצן. (מער ווי אַ
העלפט פון די לענדער פון דעם קאָנטינענט
זיינען אין דער אָפּטיילונג פאַרטראָטן). מיר
האָבן אויך אַביסל בעלעטריסטיק — לי-
דער — וואָס מיר האָבן געבראַכט צוליב
ריין עסטעטישע טעמים. אונזערע זאַמלבי-
כער זיינען ערשט אויפן דריטן פּלאַן לי-
טעראַריש-קינסטלעריש. אין דער ערשטער
רייע איז אונזער אויפגאַבע צו אינפאָרמי-
רען (און דאָס גראַד איז די שווערסטע
אויפגאַבע), אין דער צווייטער רייע איז
אונזער אויפגאַבע צו דיסקוטירן די ברענענ-
דיקע אידישע פּראָבלעמען פון די אמערי-
קעס — וואָס וועלן פריער, אָדער שפּעטער,
ממילא ווערן די פּראָב. פון וועלט-אידנטום.
ערשט אין דער דריטער רייע ווילן מיר גע-
בען בעלעטריסטישע ליטעראַטור. אוודאי
פּאַסט זיך די פּאָעמע פון יעקב גלאַנץ —
לויט איר אינהאַלט — אין אונזערע זאַמל-
ביכער. די אנדערע לידער וואָלטן געקענט
געדרוקט ווערן אין יעדער צייטשריפט. ביי
אונז וועלן זיי אַביסל אויפהייטערן דעם
לעזער און ריטמיזירן דעם אינהאַלט.

אונזערע זאַמלביכער זיינען ווייט פון צו
פרעדיקן אמעריקאַניש-אידישן שאָוויניזם,
אָדער גאָר לאָקאַל - פּאַטריאָטיזם. מיר באַ-
טאָנען נאָכאַמאָל: פּונקט ווי עס איז קלאָר
פאַר דער גאַנצער וועלט, אז זי וועט נישט
אויסגעלייזט ווערן אָן דער הילף פון אמע-
ריקע, אזוי איז עס איצט שוין קלאָר פאַר
דער גאַנצער אידישער וועלט, אז זי וועט
נישט אויסגעלייזט ווערן אָן דער הילף פון
אמעריקאַנישן אידנטום. וואָס מער דאָס א-
מעריקאַנישע אידנטום וועט זיך אַליין
פאַרשטיין, ממילא באַנעמען זיין שליחות,
אַלין געזינטער וועט עס זיין פאַר דעם וועלט
אידנטום. מיר גלויבן אין אידישער עמי-
גראַציע פון אייראָפּע און מיר גלויבן אין
דער מעגלעכקייט פון אַ קאָלאָסאַל-פאַרמאָס-
טענער אדישער אימיגראַציע מעבר לים
און דער עיקר אויפן אמעריקאַנישן קאָנטי-
נענט. נישט נאָר וועט אָט די עמיגראַציע
ראַטעווען דאָס אייראָפּעאישע אידנטום,
נאָר אויך דאָס אמעריקאַנישע אידנטום און
דערמיט דאָס וועלט-אידנטום...

מיר וועלן די ארבעט פון די זאַמלביכער
„דער קאָנטינענט", וואָס מיר באַטראַכטן
ווי צוגרייט-ארבעט פאַר דער צייטשריפט
אונטערן זעלבן נאָמען, פאָרזעצן. פאַראַן אַ
פּלאַן צו פאַרוואַנדלען דעם „קאָנטינענט"
אין שטענדיקע יאָר-ביכער. אַ צווייטער פּלאַן
איז פאַראַן — אַז די דאָזיקע יאָר-ביכער זאָלן
דערשיינען אויך אין שפּאַניש.

דאָס זיינען אָבער אַלץ זאַכן וועלכע מיר
וועלן באַשליסן שפּעטער, ווען דער ערשטער
נומער וועט דערשיינען און מיר וועלן הערן
מיינונגען פון דרויסן.

מעקסיקע, מאַי 1941

פּ. ס. — נאָטיצן פון דער רעדאַקציע וועגן אַ טייל דערשינענע ארטיקלען אין דער
זאַמלונג געפינען זיך ביים סוף פון בוך.